NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13389

BERL PRAGER IN LAND FUN

David Ignatoff

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שול-ביבליאטעק

№ 25

דוד איגנאַטאָוו

בערל פראגער אין לאַנד פון ריינקייט

פאַרלאַג „קולטור-ליגע", ווארשע

שול-ביבליאטעק

№ 25

דוד איגנאַטאָוו

בערל פראגער
אין לאַנד פון ריינקייט

—

פארלאג „קולטור ליגע" ווארשע

געדרוקט אין 1000 עקז., װאַרשע 1928

Printed in Poland

D. IGNATOW — BERL PROGER

Wyd. „Kultur-Liga“ Warszawa 1928

Druk. „Di Welt“ Warszawa Nowolipie 7

א

דער פראַגער רב האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון טבילה און ער פלעגט זאָגן:

— וואָס מער איינער טובלט זיך, וואָס מער איינער וואַשט און רייניקט זיין לייב, אַלץ ריינער און ליכטיקער ווערט זיין נשמה.

און נאָך פלעגט ער זאָגן:

— אַן אומריינער מענטש איז שווער און א ריינער מענטש איז לייכט, אַזוי לייכט, אַז ער קאָן כמעט גיין איבער דער לופט.

און אַלע פאַרטאָג, ווען דער מאָרגנשטערן איז אַן איין און איינציקער געשטאַנען איבער דעם פראַגער הימל, פלעגט דער פראַגער רב ליב האָבן זיך טובלען אינאיינעם מיט עטלעכע פון זיינע נאָנטע חסידים אין די בלויע וואַסערן פון דעם זייער ברייטן פראַגער טייך.

און נאָך דער טבילה האָט זייער אָפט געטראָפן, אַז דער רב פלעגט אַרויסנעמען זיין טאַשנטיכל, דאָס פאַרשפרייטן אויפן וואַסער און זיך אַרויפשטעלן אויף דעם און אַזוי אַוועקפאָרן איבערן טייך, ביז ער פלעגט פאַרשווינדן פון

אויג, און נאָכדעם קומען צוריק אַ־לייכטער און אַ ליכטיקער, און דאָס טיכל אונטער אים האָט זיך אפילו נישט איינגע־נעצט און נישט איינגעבויגן.

איינמאָל האָט געטראָפן, אַז ווען דער פּראָגער רב האָט נאָך זיין טבילה פאַרשפּרייט זיין טיכל און זיך אַזוי אַוועקגעלאָזט פאָרן איבער די וואַסערן פון דעם גרויסן טייך, האָבן די חסידים מיטאַמאָל דערזען, ווי פון זייער ווייט אַרויף נעמען זיך אַנטקעגן רב אויפשלאָגן גרויסע וואַסערהויפנס, און באַלד האָבן זיי דערזען, אַז די וואַסערהויפנס ווערן דאָס געוואָרפן פון אַ חיה, צי אַ פיש אַזאַ, וואָס טראָגט זיך מיט גרויס אימפּעט גלייך אַנטקעגן פּראָגער רב. דער רב אָבער איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזאַ ליכטיקער, אַז דאָס וואַסער אַרום אים האָט גענומען שיינען אויף מיילן, און ער האָט גלייך אויפגעהויבן זיין שטעקן אַנטקעגן דעם שרעק־לעכן באַשעפעניש. און אַז דאָס באַשעפעניש האָט דאָס דערזען, האָט עס אַ שפּרונג געטאָן אין דער לופטן און גענומען ויפן אויף צוריק, דערביי איז אָבער עמעצער אַראָפּגעפאַלן פון זיין רוקן, איז דער רב אויף זיין טיכל צוגעפאָרן צו דעם עמעצן און אים דערלאַנגט זיין שטעקן. איז יענער גלייך אַרויפגעשפּרונגען אויפן שטעקן, זיך נאָכדעם אָנגעכאַפּט אָן דעם רבס גאַרטל. און ווען זיי זענען אַזוי אינאיינעם אָנגע־קומען צוריק צום ברעג, האָבן אַלע מיט שרעק דערזען, אַז דער עמעצער איז דאָס בערל פּראָגער, דער דאָבער ייד, דער סוחר, וואָס פלעגט אויספאָרן וועלטן.

ב

בערל פראַגער איז זיך געהאַט געפאָרן נאָך סחורה אין ווייטע לענדער. און ער איז זיך אַזוי געפאָרן, ביז ער איז אָנגעקומען אין אַן איינפאָר־הויז, וואָס איז געשטאַנען אויפן ברעג פון אַ זייער שרעקלעכער מדבר. ווי נאָר אָבער ער איז צוגעקומען צום הויז קוקט ער זיך אום און דערזעט זייער פיל מענטשן מיט וועגן און פערד, מיט קעמלען און אייזלען, און די מענטשן האָבן מיט זיך פיל געווער און זענען אַלע באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס. דערשרעקט זיך בערל און טראַכט:

— מן הסתם זענען דאָס גזלנים!

ער שטאַרקט זיך אָבער און באַגריסט זיי, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ייִדן אַ סוחר, און פרעגט:

— פון וואַנען קומט איר, פריינט, און וואוהין ציען אייערע טריט?

ענטפערן זיי אים:

— מיר זענען אַלע סוחרים פון פאַרשידענע לענדער און מיר ציען קיין אַפריקע נאָך סחורה.

וואונדערט זיך בערל:

— אויב סוחרים פון פאַרשידענע לענדער איז פאַרוואָס האָבן זיי זיך גראָד אַלע צונויפגעקליבן דאָ אויף דעם אָרט, און פאַרוואָס זענען זיי אַלע אַזוי שטאַרק באַוואָפנט?

דערקלערן זיי אים, אַז דאָס דאָזיקע הויז איז פון שטענדיק אַן דאָס אָרט, וואוהין עס קומען זיך צונויף די סוחרים, וואָס דאַרפן איבערקרייצן די מדבר און זיי וואַרטן דאָ אָפּ ביז עס זאמלט זיך צונויף אַ גרויסע מחנה, דעמאָלט באַוואָפענען זיי זיך און לאָזן זיך איינייִנעם. וואָרים ווער וואָלט

זיך דעם אַנדערש אונטערגעשטעלט דורכצוקרייצן אָט די שרעקלעכע וויסטעניש, וואו עס האַלטן זיך אויף שלעכטע חיות און שרעקלעכע רויבער־באַנדעס ? !

געפעלט בערלען זייער ענטפער און ער מאַכט ביי זיך אָפּ, אַז דאָס איז מן הסתם אַ גאָט־זאַך, וואָרים ער האָט זיך דאָך טאַקע געקליבן צו פאָרן קיין אַפריקע. און ער גייט און באַהעפט זיך אָן דער מחנה און באַוואָפנט זיך ווי איי־נער פון זיי, און לאָזט זיך מיט זיי אין וועג אַריין, אין וועג קיין אַפריקע, איבער דער שרעקלעך גרויסער און וויסטער מדבר, וואָס ציט זיך און שפּרייט זיך אויף גאַנצע הונדערט טעג גאַנג.

ג

ווי נאָר אָבער די גרויסע מחנה סוחרים איז אָפּגע־גאַנגען אין דער מדבר ביי אַ פופציק טעג, זענען זיי פּלוצלינג באַפאַלן געוואָרן פון אַ באַנדע רויבער.

די סוחרים זענען דאָך אָבער געווען באַ־וואָפנט, האָבן זיי דערפאַר אָנגעריכט אַ מלחמה געגן די שרעק־לעכע רויבער און זיי האָבן מיט זיי מלחמה געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין אָוונט. און אַז עס איז געקומען אין אָוונט האָבן זיך די סוחרים געשטאַרקט איבער די רויבער. און אַז די רויבער האָבן דערזען, אַז ס'איז שלעכט, האָבן זיי גענומען שליידערן שווערע שטיינער צו די אָנגעלאָדענע קעמלען און צו די אייזלען און די פערד, וואָרים זיי האָבן געוואוסט, אַז דאָרטן מוזן זיך

געפינען די לאַגלען מיט וואַסער, וואָס די סוחרים פירן מיט זיך מיט אויף דעם לאַנגן וועג פון דער טרוקענער און זאַמדיקער מדבר, און אַז אויב זיי וועלן צעברעכן די לאָגלען וועלן זיך די סוחרים מוזן אונטערגעבן אָדער שטאַרבן פון דאָרשט.

ווען אָבער אויף דעם שטילן הימל, וואָס איז געהאַנגען איבער די טרוקענע זאַמדן פון דער ווילדער מדבר, האָט זיך באַוויזן דער גרויסער מאָרגנשטערן, האָבן די גזלנים גלייך אויסגעדרייט זייערע ווילדע פערד און זענען אַנטרונען געוואָרן.

האָבן נאָכדעם די סוחרים אַוודאי געשיקט תפילות און האָבן געדאַנקט און געלויבט, יעדערער צו זיין גאָט, דערפאַר וואָס זיי זענען נצול געוואָרן פון אַזאַ רויבער־באַנדע. אָבער ווי נאָר זיי האָבן זיך גענומען קלייבן צוריק אין וועג אַריין, האָבן זיי מיט שרעק דערזען, אַז זייער פיל לאָגלען זענען צעבראָכן און אַז זיי זענען געבליבן מיט זייער ווייניק וואַסער.

איז אויף זיי אָנגעפאַלן אַ גרויסע שרעק:

— סטייטש, זיי האָבן דאָך נאָך צו גיין פופציק טעג איבער די הייסע זאַמדן פון דער וויסטער מדבר, היינט ווי אַזוי וועלן זיי אויסקומען אָן וואַסער?!

האָט זיך דער עלטסטער פון די סוחרים אָנגערופן:

— הערט מיך צו, מיינע פריינד, מיט דעם וואַסער, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין די איבערגעבליבענע לאָגלען, קאָנען מיר נאָך אפשר בשלום אָנקומען איז דעם לאַנד אפריקע אויב קיינער פון אונז זאָל נישט נוצן דאָס וואַסער אויף צו וואַשן אָדער קאָכן, און יעדער פון אונז זאָל נאָר באַקומען אַ קליינע מאָס אויף צום טרינקען יעדן טאָג.

זענען די דאָזיקע רייד זייער געפעלן געוואָרן די אַלע אַנדערע סוחרים, און זיי האָבן געזאָגט:

— דו האָסט רעכט, אונזער האַר און אונזער עלטסטער.

און דאָס וואַסער זאָל טאַקע זיין אונטער דיינע הענט און ווער עס וועט נעמען וואַסער אָן דיין באַפעל זאָל געטויט ווערן.

ווי נאָר אָבער בערל פּראַגער האָט דערהערט אַזוינע רייד, איז ער גלייך צוגעשראָטן צום עלטסטן און אַזוי געזאָגט:

— גנעדיקער האַר, דיין עצה איז אַודאי קלוג און וואויל געפעלן, אָבער איך בין אַ ייד, און אַ ייד טאָר נישט דערמאָנען גאָטס נאָמען, און טאָר נישט עסן קיין מאָלצייט, איידער ער וואַשט זיינע הענט. דעריבער בעט איך דיך, מיר אַרויסגעבן מיט איין מאָס וואַסער מער כדי איך זאָל קאָנען וואַשן מיינע הענט פאַרן גאָט־בעטן און פאַרן עסן. און וויפל דו וועסט פאַרלאַנגען וועל איך דיר פאַר דעם צאָלן.

האָט זיך דער האַר צו אים אָנגערופן: אויב דו גיסט מיר אַוועק דיין גאַנץ פאַרמעגן וועל איך דיר אַרויסגעבן אָן איבעריקע מאָס וואַסער יעדן טאָג אויף צו וואַשן דיינע הענט פאַר דיין עסן און פאַר דיין גאָט־בעטן.

טראַכט ביי זיך בערל פּראַגער:

— מיין גאַנץ פאַרמעגן באַשטייט פון אַ מיליאָן דוקאַטן, דאָס איז אַפילו אַ זייער גרויס פאַרמעגן, אָבער וואָס איז דאָס אַנטקעגן דער מצוה פון נטילת ידים! ווער פאַרמאָגט דאָס גאָר אַזויפיל געלט, אַז ער זאָל דאָס קאָנען פאַרגלייכן מיט אַזאַ מצוה?..

און בערלען ווערט פון דעם מיטאַמאָל זייער גוט אויפן האַרצן און ער פאַקט אויף אינגאַנצן זיין געלט און ער ברענגט דאָס צום עלטסטן און זאָגט צו אים מיט גרויס פרייד:

— דאָ האָסטו אינגאַנצן מיין פאַרמעגן, אַ מיליאָן דוקאַטן, איך גיב דאָס דיר אַוועק פאַר דער איבעריקער

מאָס וואַסער, וואָס דו זאָגסט מיר צו צו געבן יעדן טאָג אויף צו וואַשן מיינע הענט.

האָבן זיך די אַלע אַנדערע סוחרים אַוודאי זייער שטאַרק פאַרוואונדערט איבער דער דאָזיקער זאַך, וואָרים כאָטש זיי זענען אַלע געווען פון אַנדערע גלויבנס, האָבן זיי אָבער פאָרט פאַרשטאַנען, אַז ווען איינער גיט מיט פרייד אַוועק זיין גאַנץ פאַרמעגן כדי נאָכצוקומען זיין געבאָט, מוז ער אַוודאי זיין זייער אַן ערלעכער און גאָטספאָרכטיקער מענטש; פונדעסטוועגן האָבן זיי אָבער פאָרט געהאַט גרויס פאַרדראָס פאַר דעם וואַסער און זיי האָבן זיך אָנגערופן:

— מיר האָבן דאָך אָבער פאָרט ווייניק וואַסער!

האָט זיך דער עלטסטער צו זיי אָנגערופן און געזאָגט:

— גלויבט מיר, קינדער מיינע, אַז מיר אַליין טוט אויך באַנג פאַרן וואַסער. איך האָב זיך אָבער נאָר אַזוי אַרויסגערעדט כדי אים צו פּרוּוון. איצט אָבער קאָן איך שוין מיין וואָרט נישט בייטן, וואָרים מיין וואָרט איז דאָך דאָס וואָרט פון אייער עלטסטן. עס איז זיין גליק, ער זאָל יעדן טאָג קריגן אַן איבעריקע מאָס וואַסער אויף צו וואַשן זיינע הענט, וואָס איז אים פאַרגעשריבן פון זיין גלויבן, און זיין פאַרמעגן זאָל דערפאַר פאַנאַנדערגעטיילט ווערן צווישן אייך. יעדער פון אייך זאָל קריגן אַ גלייכן חלק.

און דער עלטסטער האָט גלייך פאַנאַנדערגעטיילט דעם מיליאָן דוקאַטן צווישן דער מחנה כדי צו שטילן זייער כעס.

בערל אָבער האָט וועגן זיין געלט גאָרנישט געטראַכט, און האָט זיך דעם גאַנצן איבעריקן וועג פון דער שרעקלעך גרויסער מדבר געפילט גוט און פריילעך. און יעדעס מאָל, וואָס ער פלעגט וואַשן זיינע הענט מיט דער מאָס וואַסער, פלעגט זיין פנים אויפשיינען פון פרייד, ווי אַ ליכטיק פייער.

און די אַנדערע סוחרים פלעגן דערבײַ קוקן אויף זײַן ליכטיק אויפגעשײַנטן פּנים און פלעגן שטוינען.

און אײנמאָל האָבן זיך די סוחרים צו אים אָנגערופן און אַזוי געזאָגט:

— מיר זעען דאָך אײַן, אַז דו ביסט אַ גרויסער און גאָטספאָרכטיקער מענטש, איז דאָך נישט רעכט פון אונז, מיר זאָלן פון דיר דערפאַר אַוועקנעמען דײַן פאַרמעגן. נעם דיר דעריבער צוריק דײַן געלט, מיט וועלכן דו האָסט זיך געלאָזט אין אַזוינע ווײַטע לענדער נאָך סחורה. האַנדל מיט דעם און זאָל דיר דײַן גאָט העלפן. און וואַסער צו וואַשן דײַנע הענט נאָך דײַן געבעט וועלן מיר דיר סײַ ווי געבן.

בערל אָבער האָט געענטפערט:

נײַן, מײַנע פרײַנד, איך בין אַ ייד אַ סוחר, און די סחורה, וואָס איך האָב בײַ אײַך אײַנגעהאַנדלט פאַר מײַנע דוקאַטן, איז אַזאַ סחורה, אַז איך האָב אויף איר קײן חרטה נישט, און איך וועל בײַ אײַך דערפאַר דאָס געלט צוריק נישט נעמען.

זאָגן זיי אים:

— אָבער וואָס וועסטו פאַרט טאָן אָן געלט אין אַזאַ ווײַט און פרעמד לאַנד?

זאָגט צו זיי בערל פראַגער:

— זאָרגט זיך נישט, מײַנע פרײַנד. מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אויף דער וועלט. און אויב ער וועט וועלן, וועט נאָך בערל פראַגער צוריק רײַך ווערן. און אפשר וויל דאָס טאַקע גאָט, אַז בערל פראַגער זאָל שוין מער קײנמאָל רײַך נישט זײַן. דאַרף איך דאָך אַודאי זײַן צופרידן, וואָס ער האָט דאָס געמאַכט אויף אַזאַ אופן. וואָרים ער האָט דאָך

געקאָנט מאַכן, אַז איך זאָל אייך נישט טרעפן, און אַז די גזלנים זאָלן מיך אַליין איבערפאַלן, און זאָלן ביי מיר צונעמען דאָס געלט, און זאָלן מיך נאָך דערהרגענען אויך, צום סוף האָט ער גאָר געמאַכט אַזוי, אַז פאַר מיין געלט האָב איך איינגעהאַנדלט אַזאַ שיינע מצוה.

איז זיי אַלעמען זייער געפעלן געוואָרן זיינע רייד און זיי האָבן צו אים אויסגערופן:

– בערל פּראַגער, דו ביסט אין דער אמתן אַ זייער גרויסער און גאָטספאָרכטיקער מענטש, און דו ביסט דערפאַר אויסדערוויילט געוואָרן פאַר זייער גרויסע זאַכן!

און ווי נאָר זיי האָבן דאָס אָפּגעזאָגט, אַזוי זענען זיי נישט געוואָרן. . .

און ווען בערל פּראַגער האָט זיך נאָכדעם אומגעקוקט, האָט ער דערזען לעבן זיך אַן אַלטן מאַן מיט אַ זייער ליכטיק פּנים, און דער ליכטיקער אַלטער האָט אין איין האַנט געהאַלטן אַ פולן קרוג און אין דער אנדערער אַן אָנגעפילט פלעשל. און ער האָט אים פריער דערלאַנגט דעם קרוג און געזאָגט:

– נאַ, דאָ האָסטו דיר דיין געלט און אַ בינטל מיט אַזאַ שלאָפגעטראַנק. אויב דו מישט דאָס שלאָפגעטראַנק אַריין מיט וויין און וואַסער, וועלן די, וואָס טרינקען דאָס, נאָכדעם זיך נאָר קאָנען האַלטן אויף די פיס ביז דער האָן וועט קרייען, און אויפכאַפּן וועלן זיי זיך קאָנען ערשט דעמאָלט, ווען דו וועסט דאָס אויף זיי גוזר זיין.

נאָכדעם האָט אים דער גרייז איבערגעגעבן דאָס פלעשל און געזאָגט:

– דאָ אין דעם פלעשל איז פאַראַן אַזאַ שוואַרצער זאַפט, אויב נאָר אַ טראָפּן פון דעם זאַפט וועט פאַלן אויף דעם

רוקן פון אַ בייזער חיה, וועט זיך פון דעם אָנציגדן אַ בראַנד אין אירע ביינער, און זי וועט נעמען ברענען ביז זי וועט פאַרלענדט ווערן.

און ווי נאָר בערל פראגער האָט צוגענומען דעם קרוג פון זיינע הענט, אַזוי האָט דער ליכטיקער גרייז בלויז נאָך איין פינקל געטאָן און איז נישט געוואָרן.

ד

איז בערל כראגער נאַכדעם געבליבן איינער אַליין אין מיטן פון דער גרויסער מדבר. ער האָט זיך גענומען אומקוקן און האָט אין אַלע זייטן געזען בלויז נאַכט און זאַמד און שטערן און אַ שיער.

שטייט זיך אַזוי בערל און טראַכט:

— וואָס טוט מען איצט?

נאָר אָט דערזעט ער מיטאַמאָל אַ גרויסן וואַלד ערגעץ דאָרט ווייט אַרויף, פונקט אין יענער זייט, וואוהין דער ליכ־יקער גרייז האָט אַוועקגעפינקלט. נעמט בערל פראגער רעדן צו זיך אין זיין האַרצן:

— מילא, דאָס וואָס עס איז מיט מיר דאָ פאָרגע־קומען, האָט דאָך מן הסתם מיט מיר געדאַרפט פאָרקומען. און איצט איז מיר ווייזט אויס באַשערט צו גיין אין דעם וואַלד אַריין, וואָרים אַז נישט קומט דאָך מיר אויס צו גיין צוריק אין דער מדבר, וואָס איז וויסט און פוסט. און אַ

וואַלד איז דאָך פאָרט אַ וואַלד. מען קאָן דאָרט אפשר גע־פינען וואַסערקוואַלן און אפשר אויך פרוכטביימער, חוץ איך מיר דאָרט דערווייל קאָנען דאָס לעבן דערהאַלטן ביז איך וועל אפשר אַזוי מיטן וואַלד צו אַ מענטשלעכן ישוב קומען.

און ער לאָזט זיך אַזוי מיט אַ געשטאַרקט האַרץ אין דעם שרעקלעכן וואַלד אַריין. און אַזוי איז ער זיך אָפּגע־גאַנגען דעם גאַנצן טאָג אין דעם גרויסן טיפן וואַלד מיט אַ פרייליך געמיט, כאָטש קיין עסן און קיין טרינקען האָט ער אין ערגעץ נישט געפונען.

און ווען עס איז געוואָרן פאַרנאַכט האָט ער פאַר זיך מיט אַמאָל דערזען אַ זייער וואונדערבאַרן בוים. דער בוים איז געווען צוויאונזיבעציק איילן די גרעב, און זיינע צווייגן — צו צוועלף איילן, און אַזוי אויך זיינע וואָרצלען, וואָס האָבן זיך אַזש אַרויסגעהויבן פון דער ערד אויף אַ סך איילן. און לעבן איינעם פון די גרויסע וואָרצלען דער־זעט בערל אַ זייער גרויסן שטיין, דער שטיין איז זייער דיק, און איז צען איילן די הויך און צען איילן די ברייט. פאַרוואונדערט זיך בערל זייער אויף דעם בוים און אויף דעם שטיין, און ער מאַכט ביי זיך אָפּ, אז דאָ מוז עפּעס זיין. עפּעס זעט עס נישט אויס צו זיין גלאַט־אַזוי אַ בוים און גלאַט־אַזוי אַ שטיין.

און בערל איז זיך מישב און קריכט אַרויף אויף אַ צווייג, וואָס איבערן שטיין, זעצט זיך דאָרט אַוועק און קוקט און וואַרט.

און ווי נאָר עס איז ג׳וואָרן נאַכט און פינסטער אין דעם וואַלד, האָט בערל מיטאַמאָל דערהערט דאָס אָנקומען פון רייטער אויף פערד און דאָס קלאַפּן פון שווערדן. און

אין עטלעכע מינוט אַרום דערזעט ער ווי פון צווישן די געדיכטע ביימער קומט אַרויס אַ גרויסע באַנדע רויבער, אַלע באַשילדט און באַפּאַנצערט און אַלע זענען גרויס און שטאַרק ווי ריזן. און אָט האָט איינער פון זיי אָנגעצונדן אַ גרויסן לאַמטערן און דער לאַמטערן האָט פון זיך אַרויס־געגעבן אַזאַ שיין, אַז עס איז אַרום זיי שטאַרק ליכטיק גע־וואָרן, און ביי דעם שיין האָט בערל פּראַגער מיט שרעק דערזען, אַז די אַלע רייטער זענען גרוי ווי מייז!.. און באַלד איז פאַר זיי אַרויסגעפאָרן איינער, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין גאָלדענע קליידער און מיט אַ גאָלדענער קרוין אויף זיין קאָפּ. די קרוין איז געווען באַזעצט מיט אַזוינע טייערע שטיינער, וואָס האָבן געפינקלט אין דער נאַכט, ווי שטערן. האָט בערל פּראַגער גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווים זייער קעניג און איז זיך אַזוי געלעגן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם צווישן די געדיכטע צווייגן פון דעם גרויסן בוים און האָט געזען ווי דער דאָזיקער קעניג זייערער איז צוגעפאָרן צו דעם גרויסן שטיין, וואָס איז געלעגן לעבן וואָרצל, און האָט אָנגערופן דעם שטיין ביים נאָמען און געזאָגט צו אים „מאַך זיך אויף!"

האָט זיך דער שטיין גלייך אויפגעמאַכט, ווי אַ גרוי־סער טויער, און דער גרויער קעניג איז אויף זיין פערד דער ערשטער אַריינגעפאָרן אין דער גרויסער עפענונג, און די איבעריקע גרויע רייטער זענען פאַרוויז נאָכגעפאָרן נאָך אים, ביז זיי זענען אַלע אַריינגעפאָרן אינעווייניק.

און בערל פּראַגער האָט זיך דערווייל גוט איינגעהערט דעם נאָמען פון דעם שטיין אַזוי, אַז ער זאָל אים נישט פאַרגעסן. און ער האָט זיי נאָכגעקוקט און האָט זיי איבער־געציילט, כדי טאָמער מאַכט זיך עפּעס זאָל ער, בערל

פראַגער, וויסן וואָס ווער און ווען. און ער האָט געזען, אַז זיי זענען געווען טויזנט מאַן שטאַרק, און אַז זייערע אַלעמענס פנימער זענען געווען גרוי. נאָר איינער איז צווישן זיי געווען אַ ווייסער, אַ יונגער און אַ ליכטיקער... און ווי נאָר די לעצטע פּאָר פון זיי איז אַריין, אַזוי האָט זיך דער שטיין גלייך צוריק צוגעמאַכט.

ראַכט בּיי זיך בּערל פּראגער:

– אַז גאָט נעמט אַ יידן און פאַרוואַרפט אים אין אַזאַ ווילדן וואַלד, און בּרענגט אים צו אַזאַ בּוים, און ווייזט אים אַזוינע זאַכן, איז דאָך מן הסתם נישט אומזיסט.

און ער מאַכט בּיי זיך אָפּ איבּערנעכטיקן אויף דעם בּוים, און זען, וואָס וועט דאָ מאָרגן זיין, וואָרים ווער ווייסט צוליבּ וואָס פאַר אַ שליחות ער איז אַהער געבּראַכט געוואָרן.

ה

און אויף מאָרגן אינדערפרי, איז ווי נאָר דער מאָרגן האָט גענומען וועקן די בּיימער, ווי נאָר דער ערשטער שיין האָט זיך גענומען לייגן אויף די בּלעטער פון די צווייגן, אַזוי האָט בּערל גע־עפנט זיינע אויגן און דערזען, אַז דער שטיין האָט זיך ווידער געעפנט און דער קעניג פאָרט פון דאָרט אַרויס און נאָך אים פאָרן פאָרוויז די אַלע איבּעריקע. האָט זיי בּערל ווידער גע־ציילט און האָט געזען, אַז איינער פון זיי פעלט און אַז דער איינער איז דער יונגער, דער ווייסער...

דער שטיין האָט זיך צוריק פאַרמאַכט און די גרויע רייטער האָבן זיך אויף זייערע שנעלע פערד אַוועקגעלאָזט אין דעם טיפן וואַלד. איז זיך בערל פראגער געבליבן איינער אַליין אויפן בוים.

ליגט ער זיך אַזוי און טראַכט:

— דער וואָס לעבט אייביק האָט דאָך מיך געוויס אהערצו נישט געבראַכט צוליב דעם, אַז איך זאָל זיך אַוועקלייגן אויפן בוים און ליגן. און וואָס איז גלאַט דער תכלית פון ליגן? וואָס בין איך דאָס אַ שטיין, אַ שטיק זאַלץ חלילה! און דערצו וועל איך דאָרט אפשר געפינען אַ ביסל וואַסער, וועל איך זיך וואַשן, וועל איך נאָכדעם קאָנען דאַוונען און עסן און בענטשן.

און בערל קריכט אַראָפּ פון דעם בוים און גייט צו צום שטיין און רופט אים אָן ביים נאָמען און זאָגט צו אים:

— מאַך דיך אויף!

האָט זיך דער שטיין גלייך אויפגעעפנט, און בערל האָט פאַר זיך דערזען אַ גרויסע און ליכטיקע הייל.

מאַכט בערל עטלעכע טריט אין דער הייל אַריין און שטעלט זיך אָפּ און קוקט זיך אום אין אַלע זייטן און דערזעט פאַר זיך אַ גרויסן טייך און שיינע פּאַלאַצן ביי די ברעגן, מיט גערטנער, מיט בלומען, מיט פרוכטביימער און מיט אַלערליי שמעקנדיקע געוויקסן, וואָס זייער ריח איז אַ זייער גרויסער תענוג.

פריער פון אַלץ איז בערל פראגער צוגעגאַנגען צום טייך און זיך געוואַשן, וואָרים ווי קאָן אַ ייד זאָגן אַ יידיש וואָרט איידער ער האָט זיך געוואַשן, און ווי ער וואַשט זיך אַזוי, פאַרשמעקט אים דער אָטעם פון דעם פרישן

וואַסער, דאָס וואַסער רופט ממש מען זאָל זיך אין דעם טובל זיין.

נעמט בערל טראַכטן:

— איצט קאָן דאָך זיין איז פונקט די מינ׳ט, ווען דער פּראגער רב טובלט זיך אין דעם כּראגער טייך און די וואַסערן פון דעם טייך שיינען זיך דורכדעם דאָרט אַזוי פאַנאַנדער, ווי זיי וואָלטן געווען פאַרשפּרייט מיט פינקל;נ־דיקע שטערן.

און בערל דערפילט אין זיך אַ זייער שטאַרק בענקען נאָך דער שטאָט פראג און נאָך דעם גרויסן און ליכטיקן פּראגער צדיק, דעם בעל מופת, און ער מאַכט ביי זיך אָפּ: — אַט ער וועט זיך אויסטאָן און וועט אריין און זיך אָפּ־טובלען אין דעם דאָזיקן וואַסער — אַלע טייכן לויפן דאָך אין ים אַריין, וועט זיך אפשר דאָס וואַסער פון דעם טייך פונקט ערגעץ אָנטרעפן מיט די וואַכערן פון דעם פּראַ־גער טייך.

אָבער ווי נאָר בערל פּראגער וויל זיך שוין נעמען צוגרייטן צו דער טבילה, שלאָגט זיך אין דעם וואַסער מיטאמאָל אָפּ די אָפּשפּיגלונג פון דער זון.

פאַרוואונדערט זיך בערל:

— ווי קומט אין אַ הייל אַ זון?

און ער כאַפּט זיך, אַז די זון איז גאָר פון די־מענטן אַזוינע.

— דאָס איז מן הסתם אַלץ געמאַכט מיט כּשוף, טראַכט ער, — און ער בלייבט פאַר אַ רגע שטיין אַ דער־שראָקענער, און לאָזט זיך נאָכדעם גלייך צום ארויסגאַנג פון הייל.

דערהערט בערל אָבער באַלד א זייער שווערן זיפץ פון א מענטש און בלייבט שטיין:

— א מענטש זיפצט, און אזוי שווער! ווער־קאָן דאָס זיין?

באַלד אָבער כאַפּט ער זיך, אַז דאָס איז מן הסתם דער ווייסער מענטש, וואָס די גרויע רוצחים האָבן אַהערצו נעכטן געבראַכט.

— אַז וויבאַלד אַזוי — טראַכט בערל — הייסט דאָך דאָס, אַז א מענטש איז דאָ געפאַנגען. און ווער ווייסט, וואָס עס קאָן דאָ מיט אים געשען. און אפשר האָבן מיך דאָס טאַקע מיינע טריט אַהערצו געבראַכט, כדי איך זאָל אים ראַטעווען פון זייערע הענט?

און בערל לאָזט זיך נאָכן קול, און ער קומט צו צו א פּאַלאַץ, עפנט ער אויף די טיר און נעמט זיך גיין איבער די חדרים ביז ער קומט אַריין אין א חדר און דערזעט פאַר זיך דעם שיינעם ווייסן מענטשן געשלאָסן אין קייטן.

פרעגט ביי אים בערל:

— ווער ביסטו און ווי קומסטו אַהער?

דערשרעקט זיך יענער און הויבט אָן:

— וואָס מאַכסטו זיך כלומרשט דו ווייסט נישט ווער איך בין און וואָס איך טו דאָ!? דו ביסט דאָך מיך גע־קומען הרגענען, טאָ הרגע און פּטור.

קוקט אים בערל אודאי אָן מיט א שמייכל, און זאָגט:

— טע־טע־טע! מיין שיינער יונגערמאַן, דו מוזט דאָך שוין אודאי זיין זייער שטאַרק אָנגעשראָקן, אַז איך, בערל פּראָגער, זאָל דיר אויסקוקן ווי א גזלן, הי א רוצח פון וואַלד. שרעק זיך נישט, מיין פריינט, איך טראָג מיט זיך בלויז א קרוג מיט וואַסער אויף צו וואַשן זיך איידער

איך נעם זיך גאָט בעטן, אויף צו וואַשן זיך איידער איך נעם עסן, אויף צו וואַשן זיך איידער איך נעם נאָכן עסן גאָט לויבן, וואָרים איך בין אַ ייד, און דאַרף זיך האַלטן ריין פון־גאָטס־וועגן.

— אַ ייד!? — רופט זיך יענער אָן, — אויב אַזוי זאָלסטו וויסן, אַז איך בין דער בן־מלך פון דעם לאַנד פון ריינקייט און די יידן זענען ביי אונז זייער גרויסע מיוחסים, אָבער מיר וועט שוין מער קיינמאָל נישט באַשערט זיין זיך אומצוקערן אין מיין ליב לאַנד, אין דעם לאַנד פון ריינקייט, וואָרים די גרויע רויבער וועלן מיר נאָך היינט אָוונט אויסשניידן מיין האַרץ.

— ע, נאַרישקייטן — זאָגט בערל. — וואָס הייסט, זיי וועלן דיר אויסשניידן דיין האַרץ!? און וואו איז גאָט!? — און בערל איז דאָ מיטאַמאָל אַריין אין אַזאַ גרויסן כעס אויף די רוצחים, וואָס האָבן חשק אויסצושניידן ביי אַ מענטשן דאָס האַרץ, אַז ער האָט זיך גאָר פאַרגעסן, אַז ער איז נישט מער ווי אַ דאַרער ייד, אַ סוחר. ער האָט אָוועקגעשטעלט דעם קרוג און האָט זיך מיט זיינע הענט אַ וואָרף געטאָן צו די קייטן, אין וועלכע דער שיינער בן־מלך איז געווען איינגעשמידט. — און דער כעס האָט בערל פראַגער געמאַכט שטאַרק ווי אַ ריז און די קייטן זענען זיך צעפאַלן אונטער זיינע הענט, און דער בן־מלך איז פאַר אים געבליבן שטיין אַ באַפרייטער.

דעמאָלט האָט ערשט בערל פראַגער דערזען דעם בן־מלך אין זיין גאַנצער שיינקייט און האָט זיך ערשט אויף דער אמתן פאַרוואונדערט, וואָרים אַזאַ שיינעם יונגן מענטשן האָט ער נאָך אין זיין לעבנסטאָג נישט געזען.

נעמט בערל און לייגט זיך נאָכדעם אַריין די הענט

אין באָרד, קוקט אויפן שיינעם בן-מלך און טראַכט פאַר זיך און טראַכט און רופט זיך צו אים נאָכדעם אָן אַזוי:

– הער מיך אויס, מיין פריינט, מיר דאַרפן דאָ קיין צייט נישט פאַרלירן, איך זע איצט באַשיינפערלעך, אַז גאָט האָט מיך אַהער געבראַכט כּדי איך זאָל דיך אויס-לייזן פון זייערע הענט. איז דערפאַר מיין עצה אַזאַ-דו נעם אַ שטיק פאַפיר און שרייב אויף אים גלייך אויף אַזוי:

„איר גרויע, מיאוסע מערדער זאָלט זיך קיינמאָל נישט קאָנען באַרימען, אַז איר האָט דערהרגעט דעם שיינעם בן-מלך פון דעם לאַנד פון ריינקייט. דערייבער בין איך און הענג מיר אויף אַ שווערן שטיין אויפן האַלז און וואַרף זיך מיט גרויס פרייד אַריין אין דעם טיפן וואַסער. איך וועל מיך בעסער אַליין דערטרינקען, איידער לאָזן, אַז אייערע רויבערישע הענט זאָלן מיך דערהרגענען.

האָט דער בן-מלך געגליבט בערלען און האָט געטאָן ווי ער האָט אים געהייסן.

און בערל האָט נאָכדעם גענומען און אַריינגעוואָרפן דעם בן-מלכּס קייטן אין טייך אַריין, און דעם בן מלכּס הוט האָט ער אַוועקגעלייגט לעבן וואַסער, און דאָס פאַפיר האָט ער איבערגעלאָזט אויפן טיש פאַרן מלך פון די רויבער. און נאָכדעם האָבן זיי מיט זיך מיטגענומען אַן אַנדער היטל פאַר דעם בן-מלך און אַ סך גאָלד און זילבער און טייערע שטיינער און האָבן מיט זיך מיטגענומען ברויט און וואַסער און זיי זענען אַרויס פון דער הייל און זענען אַוועק.

ו

א בערל פראגער און דער שיינער בן־מלך זענען שוין געווען ווייט פון דער הייל, האָבן זיי אודאי געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט זיי ארויסגעהאָלפן ביז איצט, און זיי האָבן זיך געוואָשן און געזעצט עסן.

ביים עסן רופט זיך בערל אָן צום בן־מלך:

– אָט א צטער ערשט דערציייל מיר טאַקע אויף אַן אמתן, ווער דו ביסט און ווי אַזוי דו קומסט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די דאָזיקע גרויע רויבער. –

רופט זיך דער בן־מלך אָן:

– איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך בין דער בן־מלך פון דעם לאַנד פון ריינקייט.

– וואָסזשע – זאָגט בערל – עס איז טאַקע מיט אַן אמתן פאַראַן אַזא לאַנד, וואָס הייסט דאָס לאַנד פון ריינקייט?

– געוויס. – רופט זיך אָן דער בן־מלך.

– אַזוי! – רופט זיך בערל אָן אַ פאַרוואונדערטער – מוז דאָך דאָס מן הסתם אודאי זיין אַ זייער וואונדערלעך לאַנד. עפּעס אַ קלייניקייט, אַ לאַנד, וואָס הייסט דאָס לאַנד פון ריינקייט! און דאָס געפינט זיך מן הסתם ערגעץ דאָ, נישט ווייט פון דער מדבר. אָט די מדבר איז דאָ אַ פּנים פול מיט סודות און מיט וואונדער. נו, נו, מן הסתם איז דאָך מיר אַזוי באַשערט, אַז נישט, ווי דען קום איך צו דידאָזיקע

אַלע זאַכן. נו, נו, מילא, אַז גאָט וויל אַזוי, טאָ זאָל זיין אַזוי, וואָס קאָן זיך אַ מענטש העלפן. נאָר אדרבה, דערציייל מיר טאַקע פּאָרט, ווי אַזוי דו ביסט אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט.

דערציילט אים דער שיינער בן־מלך, אַז זייער לאַנד, דאָס לאַנד פון ריינקייט, געפינט זיך טאַקע לעבן דער מדבר, נישט ווייט פון אָט דעם גרויסן שוואַרצן וואַלד. האָט זיך איינמאָל געמאַכט, אַז פון דעם וואַלד האָט זיך מיטאַמאָל גענומען הערן אַ זייער מיאוס קול פון עפּעס אַ חיה. און אַזוי ווי דאָס לאַנד פון ריינקייט קאָן אַפילו קיין מיאוס קול נישט פאַרטראָגן, האָט דעריבער זיין פאָטער, דער מלך, אַרויסגעשיקט אַ גרויסע מחנה גבורים. זיי זאָלן זיך אַוועקלאָזן איבער דעם וואַלד זוכן די שרעקלעכע חיה, וואָס שיקט אירע מיאוסע קולות אין אונזער לאַנד אַריין, פונקט ווי זי וואָלט זיך מיט אונז רייצן. זענען די גבורים אַוועק און זענען צוריק נישט געקומען, האָט זיך דאָס לאַנד אודאי דערשראָקן, וואָרים די גבורים, וואָס מען האָט אַרויסגעשיקט, זענען געווען פון די שטאַרקסטע אין לאַנד, און דער אָנפירער איז געווען איינער אַ זייער גרויסער העלד, וואָס מיין פאָטער און דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך אויף אים זייער שטאַרק אָנגעלענט. האָט מען גלייך אַרויסגעשיקט נאָך אַ גרויסע מחנה פון געקליבענע גבורים, אָבער פון דער דאָזיקער מחנה האָבן זיך בלויז צוריקגעקערט צוויי, וואָס האָבן דער־ציילט, אַז די גאַנצע מחנה איז באַפאַלן געוואָרן פון אַ שרעק־לעכער באַנדע גרויע רויבער. די רויבער האָבן אַלע איבעריקע אויסגעהרגעט און נאָר זיי צוויי האָבן זיך געראַטעוועט. האָבן מיר אָפּגעוואַרט אַ שטיק צייט, און האָבן ווידער צונויפגע־שטעלט אַ מחנה, נאָך אַ גרעסערע פון פריער, אָבער אויך די מחנה איז צעשלאָגן געוואָרן, און נאָך יעדער פאַרלאָרענער שלאַכט האָבן מיר דערזען, אַז דער שוואַרצער וואַלד וואַקסט

אַלץ נעמטער און נעמטער צו אונזער לאַנד פון ריינקייט. האָב איך זיך אָנגערופן צו מיין פאָטער און האָב צו אים געזאָגט:

— זעסט דאָך, פאָטער, אַז אונזער לאַנד איז אין אַ שרעקלעכער סכנה, לאָז מיך גיין מיט אַ מחנה אַנטקעגן דעם שרעקלעכן פיינט. אפשר ווען איך וועל זיין צווישן דער מחנה וועלן זיי זיך שלאָגן בעסער און מיר וועלן זיך שטאַרקן איבער זיי און מיר וועלן זיי פאַרטרייבן פון דעם לאַנד.

האָט מיין פאָטער מיך אַודאי נישט געוואָלט לאָזן, נאָר ווען איך האָב זייער שטאַרק געבעטן, האָט ער זיך נישט געקאָנט העלפן און האָט מיר נאָכגעגעבן. די בייזע רויבער זענען אָבער גלייך געוואָר געוואָרן פון אונזער קומען, און זיי האָבן געגן אונז אָנגעריכט אַ שרעקלעכע מלחמה. נאָר אַ פאָר הונדערט פון זיי זענען אַרויסגעקומען אַנטקעגן אונז, און ווען מיר האָבן זיי גענומען נאָכיאָגן, זענען מיר אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכער פאַסטקע, וואָס זיי האָבן פאַר אונז כּאַרגרייט. אַלע מיינע קריגער האָבן גענומען פאַלן כּונם שאַרף פון זייער שווערד, נאָר איך איינער בין געבליבן לעבן, וואָרים איך האָב באַצייטנס דערזען די געפאַר און אַן אויסגעהאַקטער בוים האָט מיך באַשיצט. זיי האָבן מיך אָבער אויפגעזוכט און געפאַנגען אַ לעבעדיקן, און געבראַכט צוריק אין היל. דאָרטן האָבן זיי מיר געזאָגט, אַזוי ווי זיי זעען דאָך אָן מיר, אַז איך בין אַ בן־מלך, און אַזוי ווי זיי האָבן אויף היינט גענוג לעבעדיקע הערצער, וועלן זיי מיך דערפאַר לאָזן לעבן ביז מאָרגן. מאָרגן, אָבער, וועלן זיי מיך הרגענען, וואָרים זיי וועלן דאַרפן אַ לעבעדיק האַרץ פאַר זייער גאָט.

ווי נאָר בערל פראגער האָט דערהערט די דאָזיקע רייד, איז ער אודאי ווידער געוואָרן אויסער זיך פאַר כעס.

— סטייטש, דאָס וואָס זיי זענען גזלנים איז זיי נאָך קאַרג, דינען זיי נאָך צו עפּעס אַזאַ מין גאָט, צו וועלכן מען דאַרף מקריב זיין לעבעדיקע הערצער. גרויסער גאָט! וואו איז דען אַזוינס געהערט געוואָרן? אַזוינע דאַרף מען דאָך טאַקע גיין אויסראָטן מיטן וואָרצל.

— אודאי דאַרף מען, — האָט זיך דער בן־מלך אָנגערופן.

בלייבט בערל אַזוי שטיין אינמיטן עסן, נעמט מיט זיין האַנט אָן זיין באָרד, קוקט אַ ווײַלע אויפן שיינעם בן־מלך און טראַכט:

— איך האָב געמיינט, אַז גאָט האָט מיך געבראַכט ביז אַהערצו נאָר כדי צו ראַטעווען דעם שיינעם בן־מלך פון דעם לאַנד פון רייניקייט. אָבער וויבאַלד דאָס זענען נאָר אַזוינע שרעקלעכע באַשעפעניש, וואָס דאַרפן מענטשלעכע הערצער פאַר קרבנות, ווייל דאָך מן־הסתם דער אויבערשטער פון מיר פיל מער, וואָרים אויב נישט וואָלט ער דאָך מיך איצט נישט געלאָזט וויסן פון אָט דער שרעקלעכער זאַך.

און בערל פראגער קוקט אַלץ אַזוי אויפן שיינעם בן־מלך און טראַכט אַלץ און טראַכט, ביז מיטאַמאָל דערפילט ער אַ מידקייט אין די גלידער, דאָס דאַרע פּנים ווערט אים נאָך דאַרער, די אויגן וואָלטן זיך אים ווען צומאַכן... און ער דערזעט פלוצלינג, אַז אויפן אָרט פון דעם שיינעם בן־מלך זיצט גאָר דער פראגער רב...

רבי, רבי! — וויל בערל זאָגן, אָבער ווי נאָר ער צע עפנט דאָס מויל, קומט ער מיט אַמאָל צו זיך און דערזעט, אַז נישט דער פראגער רב זיצט פאַר אים, נאָר דער שיינער בן־מלך.

אָבער דאָס וואָס בערל האָט פאַר זיך דערזען דעם פראגער רב בלויז פאַר אַ מינוט, האָט בערלען צוגעגעבן זייער אַ סך כח, און ער האָט זיך גלייך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און האָט זיך אָנגערופן צום בן־מלך:

— מיין טייערער בן־מלך! זיי וויסן, אַז מיר מוזן זיך איצט איילן צו דיין לאַנד, וואָרים עס איז פשוט אַ שאָד די צייט. וואָרים דו דאַרפסט וויסן, אַז איך בין אַ ייד פון פראג און איך הייס בערל פראגער, און אין פראג האָבן מיר אַ זייער גרויסן רב, דאָס איז דער גור אריה, דער בעל־מופת. און איך האָב אים אָט ערשט געזען פאַר מיינע אויגן. און אַז איך האָב אים געזען — הייסט דאָס — אַז אַלץ וועט מיט גאָטס הילף זיין ווי עס דאַרף צו זיין. און אַ פלאַן האָט מיר שוין נאָר וואָס גאָט צוגעשיקט זייער אַ גוטן. איך דאַרף נאָר האָבן נאָך עטלעכע מענטשן מיט אונז און גאָט וועט העלפן.

און ווי נאָר דער בן־מלך האָט דערהערט אָנרופן דעם נאָמען — פראג און דעם נאָמען פון דעם פראגער רב דעם בעל־מופת האָט ער זיך גלייך דערפילט ריינער און ליכטיקער, וואָרים דאָס ליכטיקייט פון דעם פראגער רב איז געווען אַ טייל פון זיין אייגענער לויטערקייט און פון דער לויטערקייט פון דעם לאַנד פון ריינקייט.

האָט זיך דער בן־מלך אויפגעהויבן און האָט זיך געלאָזט גיין מיט בערל פראגער צו דעם לאַנד פון ריינקייט אַזוי שנעל, אַז זיי האָבן קוים אָנגערירט די ערד מיט די פיס. און אויף מאָרגן, ווען די זון איז אויפגעגאַנגען זענען זיי אָנגעקומען צו די טויערן פון דעם לאַנד פון ריינקייט.

ז

בערל פראגער איז דאָך שוין געהאַט אויסגעפאָרן
אַ וועלט און האָט שוין אויף זיין לעבן געזען
גענוג וואונדער און לענדער, אָבער אַזאַ לאַנ־
ווי דאָס לאַנד פון ריינקייט האָט ער נאָך אין זיין
לעבנסטאָג נישט געזען. די גאַסן און די שטעט זענען אַלע
געווען פאַרשפרייט מיט סאַמעט און זייד, די הייזער
זענען אַלע געווען פון גלאָז און די פּאַלאַצן פון קרישטאָל,
און פון דעם שיין פון דער זון האָבן זיי אַלע געפינקלט
מיט מיליאָנען ליכטער, און די מענטשן זענען אַלע געווען
געקליידט אין ווייסן. און זיי זענען אַלע געגאַנגען מיט
לייכטע טריט און ליכטיקע אויגן אויף די גאַסן, וואָס פירן
צו די טויערן פון דעם לאַנד, וואָרים זיי זענען אַלע געוואָר
געוואָרן, אַז עס קומט צוריק דער שיינער בן־מלך, וועמען
זיי האָבן אַלע ליב. און אַזוי איז בערל פראגער און דער
בן־מלך באַגעגנט געוואָרן מיט גרויס פרייד פון דעם גאַנצן
פאָלק און פון דעם מלך.

דער מלך האָט אודאי געוואָלט מאַכן אַ גרויסע סעודה
פון בערלס כבוד וועגן, בערל אָבער האָט זיך אָנגערופן, אַז
ער קאָן דאָ גאָר קיין צייט נישט פאַרלירן. נאָר אַז ער וויל
מען זאָל אים גלייך צושטעלן הונדערט שטאַרקע מענטשן,
יעדער מענטש זאָל מיט זיך טראָגן צען שטאַרקע שטריק,
און מען זאָל אים אויך מיטגעבן עטלעכע פעסער שטאַרקן וויין.
וואָרים ער מוז גלייך גיין צוריק און וואַלד צו די גזלנים.

זאָגט צו אים דער מלך או׳ די איבעריקע פאַרזאַמלטע:

— סטייטש, ווי שטעלסטו זיך גאָר אונטער צו טאָן אזא זאך. דו ווייסט דאָך, אַז אַזוי פיל גרויסע מחנות האָבן זיי נישט געקאָנט בייקומען.

האָט זיך אָבער בערל אָנגערופן און האָט צו זיי געזאָגט:

— זייט וויסן, אַז איך בין בערל פראגער, און אז אויב אייערע מחנות וואָלטן געווען באַזיגט דידאָזיקע גרויע רויבער, וואָלט דאָך מיך מן־הסתם גאָט און דער פראגער רב נישט געדארפט שיקן אַהער צו אייך און אויב איך בין שוין יאָ אַהער געבראַכט געוואָרן, איז דאָס דאָך מן־הסתם צוליב דעם, אַז איך זאָל זיי בייקומען. איילט זיך דעריבער און שטעלט מיר גלייך צו וואָס איך פאַרלאַנג פון אייך, וואָרים די צייט איז קורץ.

— ע! — האָבן זיך אַלע אָנגערופן אין איין קול— דו ביסט דאָס אַ ייד פון פראג, פון דעם אָרט וואו עס געפינט זיך דער פראגער רב, וועמענס ליכטיקייט און שיינקייט עס שיינט אַזוי אָפט אַריבער צו אונז אין דעם לאַנד פון ריינקייט און העלפט אונז אַזוי אָכט צו בויען אַלץ נייע קרישטאָלענע פּאַלאַצן און ליכטיקע הייזער און ציכטיקע גאַסן. קוק זיך אום און זע, זיין ליכט פינקלט דאָך אויף אַלע קרישטאָלענע שפיצן פון אונזערע טורעמס און דעכער. און אַז וויבאַלד אַזוי איז דאָך נישט אַנדערש נאָר טאַקע, אַז גאָט אַליין האָט דיך אַהער געבראַכט: און מיר וועלן דיך אַודאי הערן און פאָלגן און טאָן דיין פאַרלאַנג.

ח

אין די איינוואוינער פון דעם לאַנד פון ריינקייט האָבן פון זיך גלייך אויסדערווײַלט הונדערט שטאַרקע קריגער, און דער בן־מלך איז אויך געווען צווישן זיי.

און בערל האָט זיי אַלע געבראַכט אין וואַלד און האָט זיי אין דער שטיל צוגעפירט צו דעם וואונדערבאַרן בוים מיטן גרויסן שטיין און ער האָט פאַר זיי אין די אויגן אָנגערופן דעם שטיין ביי זיין נאָמען. האָט זיך דער שטיין גלייך געעפנט און ער איז מיט זיי אַריינגעקומען אינעווייניק, און ער האָט גלייך געהייסן פאַרשטאָפּן אַלע קוואַלן און האָט זיי נאָכדעם אָנגעגאָסן מיטן שטאַרקן וויין און מיט דעם שלאָפּגעטראַנק, וואָס דער ליכטיקער גרייז האָט אים אין דער מדבר געגעבן. נאָכדעם זענען זיי אַלע אַרויס פון דער הייל און זענען אַרויף אויף דעם בוים און האָבן זיך באַהאַלטן אויף זיינע גרויסע צווייגן.

און ווען עס איז געוואָרן נאַכט האָבן זיי אַלע מיטאַמאָל דערזען ווי פון דעם טיפן וואַלד אַרויס איז אָנגעקומען די גרויע מחנה רויבער, ווי דער קעניג מיט דער פינקלענדיקער קרוין אויפן קאָפּ איז אַרויסגעפאָרן פאַר זיי און האָט אָנגערופן דעם שטיין ביים נאָמען, און ווי אַזוי דער שטיין האָט זיך געעפנט פאַר זיי און זיך צוגעמאַכט נאָך זיי. נאָכדעם איז אַלץ אין וואַלד געוואָרן שאַ, שטיל.

און אַזוי האָט זיך גענומען אַוועקגיין אַ שעה נאָך אַ שעה, ביז מיטאַמאָל האָט זיך ערגעץ אין וואַלד אַ געשפּאָלטענע צווייג אַ וויג געטאָן און האָט אַרויסגעלאָזן אַ לאַנגן סקריפּ. דער סקריפּ האָט אויסגעשריען, ווי דאָס קרייען פון אַ האָן. האָט בערל געמיינט, אַז דאָס איז אַודאי דער סימן אויף וועלכן ער האָט געוואַרט, איז ער אַראָפּ פון בוים און איז צוגעגאַנגען צום שטיין און האָט אים אָנגערופן ביים נאָמען, האָט זיך דער שטיין גלייך געעפנט און בערל איז אַריין אין הייל און דער שיינער בן־מלך נאָך אים. און אַז בערל פראַגער האָט דאָס דערזען האָט ער זיך אָנגערופן, אַז עס איז בעסער, אַז דער בן־מלך זאָל שטיין ביים אַריינגאַנג, ווייל ווער ווייס וואָס עס מאַכט זיך! האָט דער בן־מלך אַזוי געטאָן, און בערל פראַגער האָט זיך אַליין געלאָזט צו די באַלויכטענע פּאַלאַצן. ווי ער גייט אַזוי אַריין אין איינעם פון די פּאַלאַצן, טרעפט ער גאָר, אַז דאָרט איז אַ גרויסע שמחה, און אַז מוזיק שפּילט דאָרט. טראַכט ער זיך: אַ ווייבאַלד אַזוי איז דאָך טאַקע שלעכט, וואָרים עס הייסט דאָך, אַז דער ווייַן און דער שלאָפגעטראַנק האָט נאָך אויף זיי נישט געווירקט...

און איידער וואָס ווען, האָבן אים שוין עטלעכע פון זיי דערזען...

פון אָנהויב האָט זיך בערל פראַגער אַזוי שטאַרק דערשראָקן, אַז פאַר שרעק האָבן זיך אים אַזש גענומען דרייען רעדער פאַר די אויגן:

— געטרייער פאָטער אין הימל, האָט דען דער האָן נישט געקרייט? — האָט ער אויסגעשריען אין זיך - ציהאָסטו דען מיך געבראַכט אַהערצו נישט כדי צו ראַטעווען דאָס לאַנד פון רייניקייט? דו האָסט דאָך מיר אַזויפיל צייכנס

געוויזן! איז דאָס אַלץ געווען נאָר כדי אָפּצונאַרן מיך! באַלד אָבער כאַפּט ער זיך, אַז דאָס קאָן נישט זיין, און אַז אַ ייד טאָר איבערהויפּט אַזוי נישט טראַכטן. און אַז דער, וואָס לעבט אייביק, וואָלט נישט אַוועקגענומען אים דעם אָרעמען בערל פּראַגער, פון דער שטאָט פּראַג, פון זיינע אָרעמע ווייב און קינדער, און וואָלט אים נישט געוויזן אַזוי פיל וואונדער אומזיסט און אומנישט, בלויז כדי ער זאָל געהרגעט ווערן אין אָט אָ דער הייל און קיינער זאָל גאָר נאָכדעם אַפילו נישט וויסן וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען. ניין, דאָס קאָן נישט זיין. איך בין אַ ייד און אַ ייד מוז זיך זען אַן עצה געבן אין פּנים פון דעם גרעסטן אומגליק. און דער אויבערשטער וועט שוין מן־הסתם העלפן, אויב נישט פון מיינעטוועגן איז צוליב דעם בן־מלך פון דעם לאַנד פון ריינקייט וועגן. מען דאַרף זיך שטאַרקן.

און בערלען פאַלט גלייך אַריין אין קאָפּ אַ מאָדנער פּלאַן:

ער וועט זיך פאַרשטעלן פאַר אַ מאַרשאַליק!

און ער נעמט און קערט גלייך איבער זיין היטל מיט דער לינקער זייט אַרויף, און ווען די גרויע רויבער זענען צוגעלאָפן צו אים און אים געכאַפּט אונטער די הענט, האָט ער געלאַכט, און ווען זיי האָבן אים געבראַכט פאַרן קעניג און דער קעניג האָט אים גענומען פרעגן:

– ווער ביסטו?

האָט ער מיט זיין האַנט אָנגעוויזן אויף דעם איבער־געקערטן היטל און געזאָגט:

– איך בין אַ מאַרשאַליק.

– און ווי אַזוי קומסטו אַהער? – פרעגט דער קעניג.

ענטפערט ער:

— אַז איך בין אַ מאַרשאַליק, קאָן איך דאָך מאַכן זייער אַ סך קונצן.

— און וואָסערע נאָך קונצן קאָנסטו ווייזן ? — פרעגט דער גרויער קעניג.

— איך קאָן דיר ווייזן אַ קונץ און לעבעדיק מאַכן דעם שיינעם בן-מלך, וואָס איז ביי אייך דערטרונקען געוואָרן.

ווי נאָר דער גרויער מלך און די אַנדערע גרויע רויבער האָבן דערהערט אַזוינע רייד, האָבן זיי זיך אודאי שטאַרק באַרוואונדערט, און דער מלך פרעגט :

— ווי קומסטו גאָר אינגאַנצן וויסן פון דעם שיינעם בן-מלך ?

— לאַכט זיך בערל פאַנאַנדער און גיט אַ טרייסל מיט זיין איבערגעקערט היטל, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ מיצל מיט גלעקלעך, און ער ענטפערט און זאָגט :

— וואָס הייסט ווי איך וויים ? איך בין דאָך אַ מאַרשאַליק !

רופט זיך אָן דער בייזער גרויער מלך :

— אויב דו ביסט יאָ אַזאַ גרויסער מאַרשאַליק, וועל איך דיר הייסן אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ און ערשט נאָכדעם וועל איך זען וואָסערע קונצן דו קאָנסט מאַכן.

און דער מלך האָט גלייך באַפוילן איינעם פון זיינע לייט אים אַראָפּצוהאַקן דעם קאָפּ.

ווי נאָר אָבער יענער האָט אַרויסגעצויגן זיין שווערד און אים אויפגעהויבן אין דער לופטן, אַזוי איז גלייך אַריינגעקומען דער שיינער בן-מלך און האָט מיט זיין שווערד אַרויסגעקלאַפּט די שווערד פון דער הענט פון דעם רויבער.

און אַז די איבעריקע גרויע רויבער האָבן מיטאַמאָל צווישן זיך דערזען דעם שיינעם בן־מלך, ווען זיי האָבן גערעכנט פאַר אַ דערטרונקענעם, איז זיי באַפאַלן אַ גרויסע שרעק און זיי האָבן זיך אַלע אַ הויב געטאָן פון זייערע ערטער און האָבן זיך געכאַפּט פאַר זייערע שווערדן. האָט זיך אָבער פּלוצלינג פון ערגעץ דערהערט דאָס קרייען פון אַ האָן און אין דער מינוט האָט אויף זיי מיטאַמאָל גענומען ווירקן דער חיין און דער שטאַרקער שלאָפגעטראַנק און זיי האָבן אַלע גענומען פאַלן איינער אויף איינעם, ווי אונטערגעבראָכענע.

האָט דאָ ערשט בערל פּראַגער איינגעזען, אַז ער איז אַריינגעקומען אין דער הייל פאַר דער צייט, און ער האָט פאַרשטאַנען אין וואָסער אַ סכנה ער האָט דורכדעם אַריינגעבראַכט זיך און דעם שיינעם בן־מלך, און ער האָט געדאַנקט און געלויבט גאָט פון גאַנצן האַרצן פאַר דעם, וואָס ער האָט אים געגעבן צוריק דאָס לעבן און דאָס לעבן פון דעם בן־מלך פון דעם לאַנד פון ריינקייט. און ער מיט דעם בן־מלך האָבן זיך זייער געפרייט, און זיי האָבן נאָכדעם אַראָפּגערופן זייערע לייט, וואָס זענען געלעגן באַהאַלטן אויפן גרויסן בוים, און זיי האָבן זיך גענומען בינדן די גרויע גזלנים.

ט

יעדער פון די מענטשן פון דעם לאַנד פון ריינ־קייט האָט געבונדן צו צען פון די ווילדע גרויסע רויבער, אין ווען אַלע זענען שוין געווען גע־בונדן, האָבן זיי זיך גענומען איבערקוקן די גיטער פון די רויבער, אין זיי האָבן געפונען פיל גאָלד און זילבער און טייערע שטיינער און פיל געווער, און שאָף און רינדער, און פיל שטאַלן מיט פערד און מיט זייער אַ סך וועגענער. האָבן זיי גענומען און האָבן אײַנגעשפאַנט די פערד אין די וועגענער און האָבן זיי אָנגעפאַקט מיט אַלץ, וואָס זייער הארץ האָט געגלוסט, און האָבן אויף זיי אַרויפ־געלייגט די געבונדענע רויבער, וואָס האָבן נאָך אַלץ נישט אויפגעוואַכט פון זייער שווערן שלאָף, און זיי האָבן אויך פאַרנומען די שאָף און די רינדער, און האָבן זיך אַזוי אַרויסגעלאָזט פון דער הייל אין אַ גרויסער שווערער מחנה און זיי זענען אַזוי בשלום דורך דעם וואַלד און זע־נען אָנגעקומען צו דעם לאַנד פון ריינקייט.

ווי נאָר אָבער זיי זענען אָנגעקומען אין די טויערן פון דעם לאַנד פון ריינקייט קוקן זיי זיך מיטאַמאָל אַלע אום, אַז די שרעקלעכע גרויע רויבער זענען גאָרנישט גרוי, נאָר ווייס!...

און די אײַנוואוינער פון דעם לאַנד קוקן זיך איין און שטוינען. סטייטש! דאָס זענען דאָך גאָר קיין רויבער נישט, נאָר זייערע אייגענע מענטשן! מענטשן פון דעם לאַנד פון ריינקייט! און דאָס איז דאָך גאָר די ערשטע כיתה גבורים, וואָס זיי האָבן אַרויסגעשיקט קעגן דער שרעקלעכער חיה...

און אז זיי האָבן דאָס אַלץ דערזעען האָבן זיי אודאי נישט געוואוסט, וואָס דאָס זאָל באַטייטן.

און אַז בערל פּראַגער האָט דאָס דערזען און דערהערט, האָט ער געהייסן, אַז מען זאָל זיי פאַנאַנדערבינדן און מען זאָל זיך נאָכדעם אַרומשטעלן ארום זיי. האָבן זיי אים געפאָלגט און האָבן אַזוי געטאָן. און ווען דאָס גאַנצע פאָלק פון דעם לאַנד פון ריינקייט איז שוין געשטאַנען ארום די פאַנאַנדער־געבונדענע גבורים, וואָס זענען נאָך אַלץ געשלאָפן ווי געהרגעטע, איז בערל אַריין אינמיטן פון דער שלאָפנדיקער מחנה און האָט אויף אַ הויך קול אויסגעשריגן:

— איך, בערל פּראַגער, פון דער שטאָט פּראַג, וועמען עס איז באַשערט צו שטיין אויף דעם אָרט, וואו ער שטייט, בין אויף אייך גוזר צו פאַרלאָזן אייער שלאָף.

האָבן גלייך אַלע שלאָפנדיקע גבורים גענומען רייבן זייערע אויגן און הויבן די קעפּ. און ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט און האָבן זיך אומגעקוקט וואו זיי זענען אין דער וועלט, האָבן זיי אויף זיך אַלע גענומען רייסן די קליידער פאַר שאַנד און פאַלן אויף זייערע פּנימער און זיי האָבן אויפגעהויבן זייער קול אין אַ גרויס געוויין.

און ווען די איינוואוינער פון דעם לאַנד פון ריינקייט האָבן זיך ביי זיי נאָכדעם גענומען פאַנאַנדערפרעגן וועגן דעם, וואָס מיט זיי האָט געטראָפן, האָט דער עלטסטער פון דער ווייגענדיקער מחנה דערציילט.

אַז עס איז געווען ווען זיי זענען לכתחילה אַריין אין דעם טיפן וואַלד צו זוכן די חיה, וואָס שרייט מיט אַזאַ מיאוס קול, איז אויף זיי אָנגעקומען אַזאַ מין שרעקלעך גרויסע גרויע מויז. די מויז איז געווען גרעסער פון אַלע חיות, וואָס זיי האָבן ווען אין וואַלד באַגעגנט, און שנעלער פון אַלע

היות, נאָך װעלכע זיי האָבן זיך װען נאָכגעיאָגט. קיין קויל האָט זי נישט גענומען און קיין שטיינער האָבן זי נישט געטראָפן. און די דאָזיקע מויז האָט גענומען מיט איר שרעקלעכער שנעלקייט לויפן אַרום אונזער מחנה און שרייען מיט איר שרעקלעכן קול. דאָס בלוט האָט פון דעם גענומען גליווערן אין אונזערע אָדערן. און װען זי איז אַזוי אַרום אונז עטלעכע מאָל אַרומגעלאָפן, האָבן מיר זיך מיטאַמאָל אומגעקוקט און דערזען, אַז מיר זענען אַלע געוואָרן גרוי ווי מייז... נאָכדעם האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט קעגן אונז אויף די אונטערשטע פיס און האָט גענומען קוקן אויף אונז אַזוי, אַז מיר האָבן זיך אַלע גענומען שטעלן פאַר איר אויף די קני. און װען זי האָט זיך נאָכדעם אויסגעדרייט און גענומען גיין, האָבן מיר איר אַלע געמיוט נאָכגיין. און זי האָט אונז פאַרפירט אין איר פאַרכישופטער הייל. און זי האָט אויף מיר אָנגעטאָן אַ פינקלענדיקע קרוין און מיך געמאַכט פאַר איר מלך. און זי איז געוואָרן אונזער גאָט און מיר פלעגן פאַר איר אַלע טאָג מוזן קניען און נאָכדעם אַרויסגיין אויף מלחמות כדי מיר זאָלן איר קאָנען ברענגען געגנוג פרישע מענטשלעכע הערצער צום עסן.

און ווי נאָר בערל פראַגער האָט דערהערט די דאָזיקע לעצטע ווערטער, האָט ער זיך לענגער נישט געקאָנט איינהאַלטן און אויסגעשריגן:

— אָבער וואו געפינט זיך איצטער די דאָזיקע שרעקלעכע חיה? וואו האַלט זי זיך אויף?

— מיר האָבן איר אָנגעטאָן גאָלדענע רינגען אויפן האַלז און אויף די פיס און מיר האָבן זי פאַרשפאַרט אין אַ זילבערנער שטייג, כדי זי זאָל פון אונז נישט אַנטלויפן, — האָט זיך אָנגערופן דער עלטסטער.

זאָגט אָבער בערל פראַגער:

— היתכן. מיר האָבן דאָך דורכגעגאַנגען די גאַנצע הייל, און מיר האָבן גאָר אַזאַ שטייג נישט באַגעגנט און אַזאַ חיה נישט געזען.

זאָגט צו אים דער עלטסטער:

— איך וואָלט דיר געגאַנגען ווייזן די דאָזיקע שטייג מיט דער חיה, האָב איך אָבער מורא, אַז איך וועל חלילה צוריק גרוי ווערן ווי אַ מויז און וועל נאָך נאָכדעם חלילה ווידער מוזן פאָלגן, וואָס זי וועט מיר הייסן.

רופט זיך אָן בערל פראַגער:

— וואָס איז שייך מורא האָבן! ווען גאָט וואָלט חלילה נישט וועלן, אַז אַלץ זאָל זיך אויסלאָזן צו גוטן, וואָלט ער דאָך מיך נישט געבראַכט ביז אַהערצו און וואָלט מיך נישט געמאַכט צו זען אַלץ, וואָס איך האָב געזען, און צו טאָן אַלץ, וואָס איך האָב געטאָן.

איז דערפאַר נאָכדעם געבליבן, אַז דער עלטסטער און בערל און דער מלך פון דעם לאַנד פון ריינקייט און נאָך עטלעכע געקליבענע מענטשן זאָלן זיך אויפזעצן אויף זייערע פערד און זאָלן גיין צוריק צו דער פאַרכשופטער הייל. ווייל זיי האָבן אַלע שטאַרק גענומען גלויבן אין בערלען, דערפאַר וואָס ער קומט פון דער שטאָט פראַג, וואו עס וואוינט דער גרויסער צדיק, דער פראַגער רבי, דער בעל מופת, מיט וועמעס טבילה זיי פלעגן זיך אַלע בענטשן און לויבן און גרויסן, און וועמעס ליכטיקע פּאַלאַצן פלעגן אַזויפיל כבוד און ליכטיקייט ברענגען צו די גאַסן פון זייער לאַנד.

י

אין אַז בערל פּראַגער איז מיט זײַנע באַגלייטער צוריקגעקומען אין דער פאַרכשופטער הייל, האָט דער עלטסטער זיי געפירט ביז צו א געוויסן אָרט און פון דאָרט איז ער מיט זיי נאָכדעם אָפּגעגאַנגען דריי מאָל רעכטס און דריי מאָל לינקס און איין מאָל גלייך. און ווי נאָר זיי האָבן אַזוי געטאָן, האָבן זיי פאַר זיך גלייך דערזען אַ זילבערנע שטייג מיט דער שרעקלעך גרויסער מויז מיט גאָלדענע רינגען. ארום דער ווילדער מויז זענען געלעגן אַ סך נישט דערגעסענע מענטשלעכע הערצער.

און אַז דידאָזיקע שרעקלעכע מויז האָט זיי דערזען, האָט זי גלייך דערפילט, אַז דאָ איז עפּעס נישט מיט אַלע־מען און זי האָט גענומען ווילד שפּרינגען אויף אירע אונ־טערשטע פיס און צעעפענען ביז איר גרויען מויל, גרייט אַלעמען אויפצועסן. בערל פראַגער איז אָבער גלייך צוגע־גאַנגען צו דער שטייג און האָט זיך אָנגערופן:

— דו מיאוס באַשעפעניש! דו האָסט זיך אונטערגע־נומען צו פאַרדאַרבן דאָס ליכטיקע לאַנד פון ריינקייט, איצט אָבער וועסטו פאַרדאָרבן ווערן, וואָרים אויב נישט, איז צוליב וואָס דען בין איך פאַרפירט געוואָרן ביז אהערצו?

און בערל פראַגער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין פלעשל מיט דעם שוואַרצן זאַפט, וואָס ער האָט מיט זיך געהאַט אין קעשענע, און כדי צו זיין זיכער, אַז ער וועט דאָס אַרויפגיסן דער מויז אויפן רוקן, איז ער אַרויפגעקראָכן

אויף דעם דאַך פון דער שטייג און גענומען שפּריצן אויף דער חיה פון דעם פלעשל. האָט די מויז מיטאַמאָל דער־פילט, ווי פלאַמען וואָלטן זי אַרומגענומען און זי האָט זיך אַזאַ וואָרף געטאָן, אַז די שטייג איז זיך גלייך אויף שטיקער צעפאַלן. בערל פּראַגער איז אַראָפּגעפאַלן גלייך אויף דער חיה. לאַנג טראַכטן האָט דאָ בערל אַוודאי קיין צייט נישט געהאַט, האָט ער זיך גלייך אָנגעכאַפּט אָן דעם גאָלדענעם רינג, וואָס אויף איר האַלז. די חיה אָבער האָט זיך אָן אַלץ פאַרגעסן און זיך גלייך אַ לאָז געטאָן צום טייך, כּדי צו לעשן די שרעקלעכע פלאַמען, וואָס זי האָט אויף זיך גענו־מען פילן אַלץ ווילדער און בייזער. דאָס וואַסער פון טייך האָט זיך אַרויפגעשלאָגן אין דער לופטן און איז אַריבער די בּרעגן, און די מויז האָט זיך אַזוי מיט אַ שוידערלעכן אימ־פּעט גענומען טראָגן איבערן טייך, און פון דעם טייך אין אַן אַנדערן, און פון דעם אַנדערן אין נאָך אַן אַנדערן, ביז זי איז אַזוי אין איר ווילדן געלויף אַריין אין ים און איז אַזוי אַלץ ווייטער און ווייטער געלאָפן, געטריבן פון דעם ווילדן בּראַנד אין אירע ביינער. און בערל פּראַגער איז זיך אַזוי אַלץ געלעגן אויף איר רוקן און זיך מיט אַלע זיינע כּחות אָנגעהאַלטן מיט זיינעביידע הענט אָן דעם גאָלדענעם רינג, וואָס אַרום איר האַלז.

אַ טאָג און נאַכט האָט זיך אַזוי בערל פּראַגער אַרומגע־טראָגן איבערן ים צווישן די שרעקלעכע וואַסערהויפנס, וואָס די מויז פון דעם פאַרכּשופטן הייל האָט אויפגעשלאָגן אין איר ווילדן פאַרלאַנג צו לעשן דאָס פייער, וואָס זי האָט אין זיך געפילט.

בערל פּראַגערס הענט האָבן שוין גענומען ווערן שוואַך. אַט, אָט, און ער וועט חלילה נאָכלאָזן און אַריינפאַלן אין די

טיפעניש פון ים. האָט אָבער גראָד דעמאָלט דער פּראַגער רב פאַרשפּרייט זיין טליכל און זיך אויף דעם געלאָזט פאָרן איבערן טייך. האָט דאָס דעם ימס שטראָם גענומען ציען קיין אַגער טייך. און אַז דאָס שרעקלעכע באַשעפעניש איז מיט בערלען און זייער רוקן אַריין אין די וואַסערן פון פראַגער טייך, האָט דער פּראַגער רב אויפגעשיינט אין זיין גאַנצער ליכטיקייט, דאָס וואַסער און די לופט האָט זיך גענומען שפּיגלען מיט זיין ליכטיקייט אויף מיילן, און ער האָט אַזוי אַ ליכטיקער אויפגעהויבן זיין שטעקן און זיך געלאָזט אַנטקעגן דער חיה, און ווי נאָר זי האָט דאָס דערזען, האָט זי געגעבן אַ שרעקלעך ווילדן שפרונג אויף צוריק, האָבן בערלס אָפּגעשוואַכטע הענט נאָכגעגעבן, און ער איז אַראָפּגעפאַלן אין וואַסער אַריין. האָט אים אָבער דער רבי גלייך דערלאַנגט זיין שטעקן, האָט ער זיך אָן אים אָנגעכאַפּט און האָט זיך אויף אים ארויפגעשטעלט. און האָט זיך באַלד אָנגענומען אָן רבס גאַרטל, און אַזוי זענען זיי אינאיינעם אָנגעקומען צוריק קיין פּראַג.